# צום פינטל

**גליון יא**

**פרשת וארא תשפ"ג**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

### גלות אמעריקע

#### ◆ די גלות פון לויפן

יידישע קינדער זענען אין גלות, גלות אמעריקע, מ'האט נישט די בית המקדש, ס'פעלט די קרבת אלקים, מ'איז פיל מיט נסיונות פון די גויאישע גאס.

גלות אמעריקע – האבן צדיקים געזאגט - איז די אומרואיגקייט, די לויפן, די יאגעניש, מ'ווייסט נאך נישט ווי מ'וויל אנקומען, אבי מ'לויפט. און אט דאס מיינט גלות, 'מקוצר רוח ומעבודה קשה', מ'לויפט מיט די גאנצע אימפעט, מ'האט נישט די מעגליכקייט אריין צו אטעמען טיף, און זיך בארואיגען אביסל.

ס'איז דא צוויי סארטן לויפן, מען לויפט פון, און מען לויפט צו, מען קען אוועק לויפן פון ווי מ'איז יעצט, און מען קען לויפן צו א תכלית, צו א 'גאול'.

ווען א מענטש איז נישט צופרידן, ער איז נישט סובל די פלאץ ווי ער איז, פאנגט ער אן צו לויפן אין די וועלט אריין, ער לויפט פון, זיין לויפן, איז אויף אוועק צו לויפן. און אט דאס הייסט גלות, די לויפסט נישט צו א געוויסע 'גאול', די לויפסט פשוט אוועק פון ווי די ביסט יעצט, נו! וועט זיך די לויפן קיינמאל נישט ענדיגן, ס'איז דאך נישט דא קיין 'גאול', ס'איז נישט דא קיין גבול ותכלית ווי אנצוקומען.

די עיקר עבודה פון א יוד איז צו זיין א 'שמח בחלקו', זיך מאכן צופרידען אין די פלאץ ווי מ'איז, וואס דאס האלט אויך אן דעם מענטש, נישט צו לויפן סתם און די וועלט אריין. ווייל אז מ'איז צופרידן איז דאך נישטא פארוואס צו לויפן, ער האט דאך אלעס ווי ער איז יעצט.

אבער ווען א מענטש איז נישט קיין שמח בחלקו, אוטאמאטיש פאנגט ער אן זיך אוועק צו דרייען פון זיין פלאץ, און ער נעמט זיך צו לויפן און זוכן ווי קען מען זיין צופרידען, און בעומק מיינט דאס אז ער האלט און איין אוועק לויפן פון ווי ער איז יעצט, וואס אט דאס איז גלות.

אמעריקע, ניו יארק, געט א געפיל פארן מענטש, אויב מ'יאגט זיך נישט, אויב מ'איז נישט 'ביזי' יעדע רגע, דאן איז עפעס נישט בסדר, מ'מוז א גאנצע צייט לויפן, דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, מ'דארף א גאנצע צייט זיין באבלאזן, און נישט צופרידן פון די יעצטיגע מצב, און ממילא זיין ביזי לויפן. אבער דער אמת איז, אז ס'איז אלץ בסדר כמו שהוא, ס'איז נישט דא פארוואס און פאר ווען צו לויפן, מ'אנטלויפט נאר פון זיך אליינס.

#### ◆ ווי אזוי ארבעט לעקטריק

ווי אזוי ארבעט לעקטריק, מען נעמט די פיצלעך חלקים (אטום), מען טיילט אפ די 'לעקטרון' (מיינעס – שלילי) פון די 'פרוטען' (פלאס – חיובי), און די 'לעקטרון' נעמט זיך לויפען אריין אין די ווייערדס אריין, און בשעת ער לויפט, נוצט מען אויס זיין כח הדחיפה, זיין געלויפעכץ, צו מאכן פון דעם ענערדזשי (פאוער). (דערנאך גייט די 'מיינעס' אריין אין די ערד אריין, דורעך די גרינע ווייער, און לויפט ערגעץ ווי צוריק, זיך מחבר צו זיין מיט'ן פלאס).

אז מ'טראכט אריין זעהט מען, אז ווילאנג די חלקים זענען מחובר, איז אלעס רואיג, נאר די רגע וואס מ'טיילט אים אפ, דאן פאנגט ער אן צו לויפן, ווייל דאס איז די כלל אין די גאנצע בריאה, אז די רגע וואס מ'איז נישט מחובר צום שורש, לויפט מען. און אט דאס איז גלות, מ'איז אפגעטיילט פונעם מקום חיבור, פונעם בית

**מ'וועט זיך געבן א דריי צוריק צום אייבערשטן, און ממילא וועט זיך סטאפען די געלויפעכץ. אז מ'איז מיטן ריקען צום אייבערשטן ח"ו, דאן טוט זיך א געלויפעכץ, אבער אז מ'וועט זיך צוריק דרייען מיטן פנים צו אים, וועט מען זעהן ווי גוט ס'איז מיט אים, און ס'וועט אין איין רגע אלעס ווערן גוט, ס'וועט נישט זיין פארוואס צו לויפן**

המקדש 'בית חיינו', ממילא הערט מען נישט אויף צו לויפן, מ'איז נישט רואיג, ווייל אונז האבן נישט אונזער 'מקום מנוחה'.

בשעת די 'לעקטרון' לויפט, קען ער טוהן גוטע זאכן, מ'מאכט פון אים ענערדזשי און לעקטריק, אבער למעשה 'גלות איז גלות', מנוחה איז נישט דא.

#### ◆ מנוחה אז מען לעבט מיטן 'עבר'

בא שבת בא מנוחה, שבת איז דער מקום מנוחה כמו שהוא, אין דעם טיפן גלות, און דאס האט שוין משה רבינו אויסגעפוילט פאר אונז אין מצרים. וואס איז דאס 'שבת', שבת איז פשט, מ'איז שובת, די וואך וואס איז געווען פיל מיט ארבעט האט זיך גענדיגט, ממילא איז נישט דא ווי צו לויפן, אלץ שטעלט זיך אפ, און אויטאמאטיש קומט יעדער צו מקום מנוחה, ביי זיך אין זיין תחום שבת, ביי זיך אינדערהיים.

ווי לאנג א מענטש איז נישט רואיג מיט זיין עבר, ער קען זיך נישט מחבר זיין מיט וואס ער האט יא, וועט ער האלטן און איין לויפן אן א אפשטעל, זוכנדיג צו כאפן וואס מער, וואס און אמת'ן אריין פעלט אים נישט מער ווי א קליינעקייט, צוריק קוקן אויפן עבר, און זעהן וואס מ'האט יא, און דורעך דעם ווערן א שמח בחלקו, אז ס'וועט נישט זיין פארוואס צו לויפן.

אזוי ווי ביי די משל פון די 'מיינעס און פלאס' ביי עלעקטריק, איז מען מכריח די 'מיינעס' - מיט די כוח המאגנעט - זיך אפצוטיילן פונעם 'פלאס', און מכח דעם האלט ער אין איין לויפן, אויף מיילן ווייט. ווען די 'מיינעס' זיך וואלט זיך אפגעשטעלט פאר א רגע, און זיך צוריק געדרייט צום 'פלאס' זיינער, וואלט זיך דאך אפגעשטעלט די גאנצע געלויפעכץ.

נאר היות ס'גייט מיט א מורא'דיגע כח הדחיפה, איין 'מיינעס' שטיפט דעם צווייטן, ווערט אזא געלויפעכץ, אזוי אז מ'קען זיך שוין נישט צוריק דרייען, מ'קען זיך נאר נעמען לויפן.

די זעלבע איז דער יוד אין גלות, ער האט מורא פון דער 'להט החרב המתהפכת', ער האט נישט הנאה פון זיין עבר, ער האט מורא פון זיין אייגענע שאטן, ממילא פאנגט ער אן צו לויפן.

און ס'ווערט אזא געלויפעכץ, יעדער לויפט, אז מ'קען זיך שוין גארנישט צוריק דרייען, די געפילן פון 'נעגעטיוועטי' אז מ'האט נישט און מ'האט נישט, זיי טרייבן די געפילן צו לויפן.

אבער וואלט מען ווען זיך געקענט צוריק אויסדרייען פאר איין רגע, און זעהן אז מ'האט ברוך השם א גוטע עבר, גוטע 'מעמערים', וואלט זיך אלעס גלייך אפ געשטעלט, און די גאנצע געלויפעכץ וואלט געקומען צו א ענדע.

#### ◆ מען דרייט זיך צוריק

און דאס גייט געשען ווען מ'גייט ארויס גיין פון גלות, מ'וועט זיך געבן א דריי צוריק צום אייבערשטן, און ממילא וועט זיך סטאפען די געלויפעכץ. אז מ'איז מיטן ריקען צום אייבערשטן ח"ו, דאן טוט זיך א געלויפעכץ, אבער אז מ'וועט זיך צוריק דרייען מיטן פנים צו אים, וועט מען זעהן ווי גוט ס'איז מיט אים, און ס'וועט אין איין רגע אלעס ווערן גוט, ס'וועט נישט זיין פארוואס צו לויפן.

אזוי ווי מ'זעהט ביי שלום בית, מ'פאנגט אן צו לויפן זוכן שלום, מ'לויפט צו דעם און צו יענעם, אזא קורס אזא עצה, אלץ ווייל מ'איז נישט גרייט זיך צו אויסדרייען צוריק מיטן פנים צום שותף. נו! אז מ'איז מיטן ריקן צום שותף, אויטאמטיש לויפט מען, וואלט מען געווען גרייט זיך צו געבן א דריי אויס אויף צוריק, דאן וואלט אין איין רגע די גאנצע שלום בית געווארן מסודר.

און דאס איז די ענין פון תשובה, מ'געהט זיך א קער צוריק מיטן פנים צום אייבערשטן כביכול, ווי צדיקים האבן געזאגט 'תשובה איז נישט קיין בער, תשובה איז נאר א קער', און אין די רגע וואס מ'איז אויפן וועג צוריק מיטן פנים צום כביכול, איז מען שוין אין א גוטע מצב. קען זיין מ'דארף נאך טוהן זאכן צו מתקן זיין וואס מ'האט מקלקל געווען, אבער די לעבן איז שוין רואיג, די געלויפעכץ האט זיך אפגעשטעלט, הכל על מקומו יבוא בשלום.

## • זיך פארגלייכן מיט די גאס

ס'איז באקאנט די רמב"ם אז דער אייבערשטער האט באשאפן דער מענטש א **מדיני בטבע**, ער זוכט בטבע צו זיין 'סאושעל', צו האבן א שייכות מיט מענטשן, ער פארגלייכט זיך מיט זייער מיינונג, און דאס ברענגט אים א רואיגקייט און א זוכערקייט. אויף יעדע זאך פרעגט ער זיך נאך וואס איז די 'גאס מיינונג', כדי זיך צו קענען מיט זיי פארגלייכן, און ווערן מיט זיי איינס.

מיט נאך א זאך איז דער מענטש א **מדיני בטבע**, אז ער איז זיך מחבר **נאר** מיט די מענטשן פון זיין מדינה, פון זיין סביבה, און ער טיילט זיך אפ פון די מענטשן פון א אנדערע מדינה, פון א אנדערע סביבה. וואס דאס איז די עומק פון א 'מדיני בטבע', ער איז זיך מחבר נאר מיט זיין מדינה, נאר מיט זיין סביבה, און פון ווייטערע מענטשן, רייסט ער זיך אפ.

גאר אסאך וואס א מענטש טוט, האט ער נישט אויף דעם קיין בחירה, ער איז מוכרח צו טון אזוי מ'כח זיין מדינה, מ'כח זיין סביבה, אבער אויף איין זאך האט יא עטוואס א בחירה, צו אויסקלויבן ווער ס'זאל זיין אין דיין מדינה, ווער ס'זאל זיין א חלק פון דיין סביבה. די ביסט טאקע א מדיני בטבע, די מוזט לעבן און זיך 'סאושעלייזן' מיט די מענטשן ארום דיך, אבער די האסט א בחירה ווער זיי זאלן זיין.

א ערליכע יוד, איז איינער וואס איז זיך מחבר מיט תלמידי חכמים און ערליכע יודען, אויף יעדע זאך וועט ער זיך נאכפרעגען, די מיינונג פון ערליכע יידן דערויף, ער פארגלייכט זיך מיט זיי, און ח"ו פארקערט, איז מען בוחר זיך מחבר צו זיין מיט א סביבה וואס טויג נישט. יעדער מענטש איז טאקע א 'מדיני בטבע', אבער דער 'בעל הבית' אפ צו מאכן מיט וועמען די ווילסט זיין א 'מדיני', מיט וועמען די ווילסט זיך מחבר זיין, איז נאר די אליין.

צומאל קען אויסקוקען ווי תלמידי חכמים זענען נישט 'סאושעל', אבער באמת זענען זיי מורא'דיג מחובר און 'סאושעל', אזוי ווי מ'זעט בחוש ווי שטארק זיי זענען זיך מחבר מיט זייערע חברותות, צומאל קען עס אפילו אנהאלטן פאר יארן יארן לאנג. נאר פשט איז, אז תלמידי חכמים זענען בוחר צו נוצען זייער כח ה'סאושעל', אויף זיך מחבר צו זיין מיט די תורה וועלט, איז וועגען דעם איז אין עולם החולין, קען אפשר אויסקוקען ווי זיי זענען נישט 'סאושעל', אבער באמת דאס איז די ריכטיגע 'סאושעל'.

**הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל האט געקענט אויסקוקען אז ער איז נישט מחובר און 'סאושעל', אבער ווי ס'איז באקאנט איז ער געווען גאר געשמאק, ער האט זיך גאר שטארק מחבר געווען צו זיינע חברותות וכדומה. נאר פשט איז, ער האט בוחר געווען צו ניצן די כח החיבור זיינער, נאר אויף תורה, תלמידי חכמים, חז"ל און ספרים הקדושים. און יא! פון די גאס, פון די עולם החולין, האט ער בוחר געווען זיך אפצוהאקן!**

**יעדער איז 'בעל הבית' ווי ער וויל ניצן די כח פון זיין א 'מדיני בטבע', און דער תלמיד חכם נוצט עס זיך מחבר צו זיין מיט תלמידי חכמים און ספרים הקדושים, ס'פעלט אים נישט אויס זיך צו סאושעלייזן מיט די גאס.**

## • די דיבור איז מחבר

די כח החיבור 'סאושעלייזן' ארבעט דורעך 'דיבור', מ'רעדט און מ'רעדט מיט מענטשן, מ'שמועסט און מ'פארגלייכט זיך, מ'זאגט די אייגינע מיינונגען, מ'הערט זייערע מיינונגען, אזוי פארגלייכט מען זיך מער און מער, מ'ווערט מער און מער איינס.

און די זעלבע זאך פארקערט, אז מ'רעדט נישט מיט קיין מענטשן, דאן האקט מען זיך אפ פון זיי, בפרט אז מ'איז מיט אנדערע און מ'רעדט נישט, דאן ווערט מען מער און מער אפגעטיילט. ווייל אזוי ווי דיבור און 'סאושעלייזן' איז מחבר איינעם צום צווייטן, אזוי אויך 'שתיקה' און נישט 'סאושעלייזן', איז מפסיק איינער צום צווייטן (צומאל איז דא אז מ'רעדט טאקע נישט, אבער ברמז ורמיזה פארשטייט מען זיך און מ'ווינקט זיך וכו', וואס פארשטייט זיך אז דאס איז ווי דיבור, על כל פנים מיט א גוויסע דרגה).

מ'זעהט עס שטארק ביי מענטשן וואס קענען נישט די שפראך פון די מדינה, זיי פארשטייען נישט וואס די מענטשן ארום זיי זאגען. וואס דאס מאכט אז זיי זאלן ווערן שטארק אפגעהאקט פון די ארומיגע, ס'איז אים שווער צו לעבן אין די מדינה, און ס'איז אים גאר שווער צו מאכן דארטן ביזנעס.

## • דער גאון'ס תמימות

**הגאון הגדול ר' חיים קנייבסקי זצ"ל האט געהאט א כח פון תמימות 'איש תם יושב אהלים', אן שטעלנדיג א פנים ווי ער פארשטייט נישט וואס טוט זיך ארום, ער פארשטייט נישט זייער שפראך, ער קען נישט 'סאושעלייזען' מיט זיי. ער האט זיך געקענט אפטיילן און מאכן תמה'וואטע, כדי נישט ווערן אריינגעשלעפט אין געשעפטן און ענינים וואס קענען אים מבטל זיין פון זיין תורה און תפילה.**

**ווי די זוהן פון גאון, הגאון הגדול ר' שלמה דערציילט אויף זיין טאטע** (מובא בכתב עת 'א בליק' פרשת שמיני תשפ"ב) ***"דער טאטע האט גאנץ גוט געוואוסט וואס ס'טוט זיך, ער האט אבער נישט געזוכט אז מ'זאל מיט אים רעדן עפעס וואס האט נישט מיט לערנען, אמאל האט מען אים געזאגט אז דער ראש הממשלה איז געשטארבן, האט ער געגעבן א פרעג "ווער, די מכשפה?" דאן איז שוין געווען לאנג נאך וואס גאלדא מאיר איז געשטארבן, אבער ער האט זיך געמאכט כאילו ער ווייסט נישט. ער האט געוואוסט אסאך מער ווי מ'מיינט, ער האט נאר נישט געוואלט אז מ'זאל טראכטן אז ער ווייסט און דערנאך אים אריינשלעפן אין זאכן וואס האבן נישט מיט לערנען".***

אויך האט איינער פון די זוהן דערציילט *"מיין טאטע איז זייער א קלוגער, זיין קלוגשאפט... ווען ער זעהט ווי מענטשן מיינען אז ער איז נאיוו, האט ער זייער הנאה דערפון, איך געדענק ווי אלץ קינד פלעגן מיר שמועסן צווישן זיך איבער אסאך נושאים, און מיר האבן געמיינט אז דער טאטע הערט גארנישט, דעם ענטפער האבן מיר געקריגן אזוי בדרך אגב, אין א אנדערער געלעגנהייט, ווי דער טאטע האט אונז געווארפן א ווארט פון וועלכן מיר האבן פארשטאנען, אז ער האט שוין פריער אלעס געהערט און ארוסגעהאט".*

**אויך ווערט פארציילט וועגן דעם גאון'ס התפשטות הגשמיות, ווי ער האט נישט דערקענט די קביעות'דיגע עסענ'ס וואס ער פלעגט עסן, ער האט געקענט איבער פרעגען אסאך מאל וואס דאס איז וכדומה, נישט וועלנדיג האבן א עול פון די וועלט, אפילו נישט צו געדענקען וואס דאס איז, און ווי טוט מען דאס וכדומה.**

**ער איז געווען א 'חכם' אין 'תמימות', זייענדיג אונגאנצען מחובר צו די תורה וועלט, און אינגאנצען אפגעהאקט און ארויסגעטוהן פון די דרויסעדיגע וועלט, מיט א מהלך פון זיך תמה'וואטע'ווען, און דורעך דעם זיך אפשיידן פון מענטשן און פון די וועלט.**

אויך אויף זיין גרויסן הייליגן טאטן, דער גאון הסטייפלער זצ"ל, דערציילט מען אויך אסאך אינטערעסאנטע מעשיות ווי ער האט געקענט טוהן אינטערעסאנטע זאכן כדי מ'זאל אים אפלאזן.

אין ראפשיץ איז באקאנט די דאזיגע מהלך פון אויסנארן די יצר הרע און פארדעקן די עבודות. עס קומען אונטער פארן מענטש אלע סארטן נסיונות, דער יצר הרע איז זיך מתלבש אין אלעס וואס ארום אים, און דער מענטש מוז זיך אוסלערנען אביסל ארום צו שפילן מיט זיי, ווי די פסוק זאגט 'עם עקש תתפתל', און נישט חס ושלום אז ער שפילט זיך ארום מיט זיינע ידידים און ארומיגע, נאר די חלק הנסיון וואס איז זיך יעצט מתלבש פאר אים, דארף ער זיך אויסלערנן שפילן און דרייען אביסל. (און פארשטייט זיך ס'איז נישט קיין חשש פון שקר, ווייל דער עיקר שקר איז אז מ'וויל עפעס פון יענעם, אבער זיך אפצוהיטן פון יענעם, מעג מען זאגן שקר, על כל פנים נישט להדיא).

גאר אסאך וואס א מענטש טוט, האט ער נישט אויף דעם קיין בחירה, ער איז מוכרח צו טון אזוי מ'כח זיין מדינה, מ'כח זיין סביבה, אבער אויף איין זאך האט יא עטוואס א בחירה, צו אויסקלויבן ווער ס'זאל זיין אין דיין מדינה, ווער ס'זאל זיין א חלק פון דיין סביבה. די ביסט טאקע א מדיני בטבע, די מוזט לעבן און זיך 'סאושעלייזן' מיט די מענטשן ארום דיך, אבער די האסט א בחירה ווער זיי זאלן זיין.

## די מקום פון א מענטש איז ד' אמות - שמירת מרחק (distant)

### די 'מרחק' ארום דער מענטש

יעדער מענטש היט אפ ארום זיך א געוויסע 'מרחק', א געוויסט דיסטענט (distant), אזוי האט דער אייבעשטער געמאכט די טבע פונעם מענטש, אז ער וויל 'הרחבת הדעת', ער וויל זיין דיסטענט זאל זיין פריי. און אויב איינער קומט אריין אין זיין דיסטענט, ווערט ער אביסל דערשראקן, ס'קען אים מבלבל זיין, ער פילט ווי יענער איז אים מצמצם זיין ברייטקייט.

די חז"ל זאגן 'מקומו של אדם, ד' אמות', ווי מ'זעהט ביי הלכות הוצאה אין שבת, אויב מ'איז מעביר ד' אמות אין רשות הרבים, איז מען חייב אויף הוצאה. אויך ביי קנינים שטייט (בבא מציעא דף י ע"א) אז ד' אמות ארום די מענטש זענען קונה פאר אים א מציאה. אויך ביי א גט איז מבואר די דאזיגע שיעור פון ד' אמות, אויף קונה צו זיין א גט.

און די לומדים (ספר המקנה ר' אלעזר זוסמאן סופר יא-ג, שיעורי ר' שמואל בבא מציעא ח"א עמוד קמט, צפנת פענח כללי התורה והמצוות ח"ב ד"ה קניין ארבע אמות) זענען מסביר דעם טעם, ווייל ד' אמות ארום די מענטש באלאנגט אביסל צום אים, אזוי ווי די הויז פון א מענטש באלאנגט צו אים, אזוי אויך די שטח פון ד' אמות ארום אים אין רשות הרבים (ביי די זייטען, צידי רשות הרבים), באלאנגט עטוואס צו אים.

די שורש פון דעם דאזיגען שיעור איז, כדי ער זאל זיך קענען אביסל אויסשפרייטן זיינע גלידער, ווי ס'איז מבואר אין הלכות הוצאה, אז די טעם פון די שיעור ד' אמות איז אויף אויסצושטרעקן די הענט און פיס. א מענטש דארף האבן פלאץ פאר זיין עצם גוף, און דערנאך דארף ער האבן פלאץ פאר לופט און ברייטקייט, פלאץ ווי ער זאל זיך קענען אויסשפרייטן.

להבדיל אין לימודי חול לערנט מען אז די דיסטענט וואס דארף זיין צווישן צוויי מענטשן, איז בערך ווי א אויסגעשפרייטע הענט. ס'איז אינטערסאנט אנצומערקן צו דאס קען האבן א שייכות צו די שיעור ד' אמות פון די הייליגע חז"ל, וואס דאס איז אביסעלע קרוב צום דאזיגן שיעור, אויב מ'ווערט רעכנען א אויסגעשפרייטע הענט פון אלע זייטן, ארום און ארום דעם מענטש (עי' בסימן שמז ווי אזוי מ'רעכנט די ד' אמות, לויט די ר"ת און לויט די רשב"ם, און ס'דא וואס האלטן דארטן, אז דער מענשט איז אין דערמיט, און ארום און ארום איז ד' אמות רינעכדיג, והבן).

איינער פון די ריגליאציעס ביים דרייווען, איז צו היטן א מרחק און א דיסטענט צווישען איין קאר אינעם צווייטן, וואס לויט ווי געשמיסט, וועט דאס נישט זיין נאר צן אפהיטן פון עקסידענטן, נאר דאס פעלט זיך אויך אויס פאר די עצם רואיגקייט פון די דרייווערס, אז יעדער זאל פילען רואיג מיט זיין שטח'ל ארום זיך, זיין דיסטענט ארום און ארום זיין קאר.

### די 'מרחק' ארום אלעס

באמת נישט נאר א מענטש האט א דיסטענט ארום זיך, אויך בהמות און חיות האבן א דיסטענט ארום זיך, און אזוי איז יעדער מציאות אויף די וועלט, האט עטוואס א דיסטענט ארום זיך, א געוויסע היקף פון אויר, וואס טיילט אפ דער דאזיגע מציאות, פון אלעס אנדערשט ארום. וואס דאס ברענגט שטארק ארויס די מיוחד'דיגקייט און חשיבות פון דער דאזיגער מציאות.

אויך יעדער אות אין די תורה דארף האבן זיין אויר, זיין 'ספעס' ארום און ארום, וואס דאס ווערט אנגערופן אין די לשון הפוסקים 'היקף גוויל'. טאמער א 'אות' האט נישט קיין היקף גוויל, איז ער נישט בגדר 'אות', און ער איז פסול.

**באמת**

**נישט נאר א מענטש**

**האט א דיסטענט ארום זיך, אויך בהמות און חיות האבן א דיסטענט ארום זיך, און אזוי איז יעדער מציאות אויף די וועלט, האט עטוואס א דיסטענט ארום זיך, א געוויסע היקף פון אויר, וואס טיילט אפ דער דאזיגע מציאות, פון אלעס אנדערשט ארום**

און במיוחד די מענטש, כדי ארויס צו ברענגען זיין מיוחד'דיג קייט, פעלט זיך אים אויס די דאזיגע דיסטענט פון ד' אמות. דער אייבערשטער האט דאך באשאפן די טבע האדם, אז יעדער מענשט שפירט ווי ער איז די מרכז פון די מציאות, ער איז העכער אלעס, ממילא פעלט זיך אים אויס צו האלטן א געוויסע דיסטענט פון אלעס ארום און ארום, כדי ארויס צו ברענגען זיין יתרון מער פון זיי.

און נישט נאר אויף זיין גוף היט דער מענטש אפ א דיסטענט, נאר אויך אויף זיינע דיעות. א מענטש היט אפ א מרחק פון פרעמדע דיעות, און ביפאר א דיעה קומט אריין אין אים, ברויך ער האבן רשות אויף אריינצוקומען. די דיעות דארפן כאילו קלאפן אויף טיר פונעם דעת, און פרעגען רשות אריינצוקומען.

א מענטש וואס איז אביסל פארמאכט, נעמט עס לענגער אריינצולאזן א דיעה פון אינדרויסן, און איינער וואס איז בטבע מער אפן, נעמט עס אים שנעלער אריין צו לאזן, אבער יעדער איינער בלי יוצא מן הכלל, היט אפ א מרחק, ער שאצט און מעסט וואס און ווען אריינצולאזען.

### חתונה אין איין ד' אמות

ביי קנין אישות איז דא צוויי קנינים, קידושין און חופה, קידושין איז א 'קנין שלילי' וואס האלט אפ די פרוי פון צו גיין צו א צווייטן, חופה איז א 'קנין חיובי', וואס איז מחבר די פרוי צו איר מאן זעלבסט.

ביי קידושין בלייבט נאך א מרחק צווישן די מאן און פרוי, דער פרוי איז דאך נאך אין איר טאטע'נס רשות, ס'איז נאך דא א 'דיסטענט' און א מרחק צווישען זיי. אבער 'חופה' איז קונה אינגאנצען, דער מאן ברענגט איר אריין צו זיך אין רשות, ס'ווערט בטל די מרחק פון די 'רשותים', ס'ווערט בטל די דיסטענט צווישען זיי, ביידע באקומען איין ד' אמות, דער מאן נעמט איר אריין צו זיך אין זיינע ד' אמות.

ס'שטייט אין ספרים (מהר"ל סוטה דף ד ע"ב) אז א איש ואשה זענען איין 'עצם', איין מציאות, ווי די פסוק זאגט 'זכר ונקיבה בראם ויקרא שמם אדם', 'אדם' מיינט אז זיי זענען איין מציאות. יעדער איז נאר א 'פלג גופא', און צוזאמען ווערן זיי א 'אדם השלם'. ס'לאזט זיך זאגן, אז די טעם דערפון איז, היות די מאן און פרוי האבן איין ד' אמות פאר ביידע, איין שטוב פאר ביידע, דאס מאכט זיי ווי איינס.

ס'איז באקאנט וואס די הייליגע חז"ל זאגען, אז ווען ס'איז דא אהבה איז אלעמאל דא פלאץ, און צוויי מענטשן קענען זיצן אפילו אויפ'ן שפיטץ מעסער, אויפן שפיטץ נאדעל.

די עיקר חסרון פון פלאץ, איז פון דעם וואס יעדער געט אכטונג אויף זיין דיסטענט, וואס דאס פארנעמט די עיקר פון פלאץ אויף די וועלט, אבער אז ס'איז דא אהבה, ווערט דאך בטל די גאנצע דיסטענט, איז דא וויפל פלאץ מ'וויל. און מ'זעהט עס בחוש, אז ווען מ'שטופט זיך צו א פרייליכע זאך, צו קישן די תורה וכדומה, דאן שטערט נישט פארן מענטש די צוקוועשטקייט, ווייל ווען ס'איז דא אהבה היט ער נישט אויף זיין דיסטענט.

אהבה איז די כח הביטול וואס מאכט אז צוויי פרעמדע זאכן קענען נכלל ווערן אין איינס, און ס'איז דא אין דעם אסאך דרגות, אלץ געוואנדען לפי די ביטול, ווי מער ביטול ס'איז דא, אזוי סאך ווערט בטל די דיסטענט וואס איז צווישען די צוויי, אויף אזוי ווייט, אז פון צוויי, קען ווערן איינס. ווי למשל צוויי חברים וואס לערנען צוזאמען בחברותא, אז זיי לערנען איין יאר צוזאמען, ווערט אביסל בטל די דיסטענט צווישען זיי, אז זיי לערנען צוויי יאר, ווערט עס מער בטל, און אזוי ווייטער, און אזוי ביי יעדע ענין צווישען צוויי מענטשן.

### • די קדושה פון א יידישע ביזנעס

יידישע ביזנעס האט א מורא'דיגע קדושה, א יוד לעבט דאך מיטן אייבערשטן, איז אויטמאטיש אלע זיינע ביזנעס'ן מיט'ן אייבערשטן, א יוד איז מתפלל אויף יעדע זאך, ער פירט זיך ערליך, אלעס דרייט זיך ארום קדושה. און אפילו א פשוט'ע מכירה ביי א יוד, ער קויפט און פארקויפט א הויז, דרייט זיך עס אלץ מיט תפילה און ערליכקייט, אלעס ארום קדושה.

און דאס איז נישט נאר ביי יעדן יוד פריוואט, נאר בעצם די גאנצע יידישע ביזנעס אויסשטעל, דרייט זיך ארום קדושה.

לאמיר נעמען למשל אזא ביזנעס ווי 'אנטיק', ספרי קודש, זיטאמיר, סלאוויטא און דאס גלייכן, די שורש דערפון האט זיך אנגעפאנגען בקדושה, פון די שטארקע אהבה וואס צדיקים האבן געהאט צו די דאזיגע ספרים, צו די קדושה פון די הייליגע מדפיסים, און פון דעם איז נתגלגל געווארן בימינו, א ריזיגע ביזנעס פון מיליאנען. וואס דאס זאגט אז די שורש פון יודישע ביזנעס איז קדושה.

לאמיר זען וואס טוט זיך אין די מלבושים ביזנעס ביי יודען. די יידישע וועג צו גיין אנגעטוהן, האט דאך אודאי א מורא'דיגע קדושה, מיט'ן זיך אפטיילן פונעם גוי וכדומה, וואס ס'פעלט נישט אויס מאריך צו זיין אין דעם. יעצט, פון די שורש הקדושה פון יידישע מלבושים, פון דעם איז שוין נתגלגל געווארן ריזיגע ביזנעס'ן, אויף אלע סארט אופנים. קומט דאך אויס ווי ממש אלעס דרייט זיך ביים יוד אויף קדושה.

און אנשטאט זעהן אין אלעס ביזנעס, ווי אלעס דרייט זיך ארום די נקודת הביזנעס, אנשטאט דעם קען א יוד לעבן ווי אלעס דרייט זיך ארום קדושה.

### • כשרות, קהילות, סטוארס

אלע כשרות אורגענעזאציעס, מ'איז מקיים די תורה הקדושה צו ברענגען פאר יידען צו עסן כשר'ס, אבער מיט דעם אלעם איז עס א ריזיגע ביזנעס היינט צו טאג'ס. און לאמיר אריינקוקען אין די פילטער קאמפעניס, כשר'ן פאונס וכדומה, וואס דאס איז דאך זיכער איין שטיק קדושה, אבער פון דעם ווערט נשתלשל ריזיגע ביזנעס'ן, גאנצטע אפערעישינס פון כשר'ן און פארקויפן, און אלעס ארום.

צענדליגע ריזיגע שטאטישע פראגרעמס, וואס דרייען זיך אלע ארום עניני חינוך, ריזיגע ענינים וואס די פינטל צו דאס אלעס איז 'קדושה', קדושת החינוך. אויך יידישע קורסעס, יידישע שרייבער וכדומה, וועט זיך אלץ דרייען ארום דעם יוד, וואס דאס אלץ שרייט אויס, "יידישע ביזנעס איז איין שטיק קדושה"!!!

די גרינד שטיין פון יעדער יידישע קהילה איז כולו קודש, תורה תפילה צדקה וחסד,  קהילה קאסעס וכדומה, די עולם החולין האט נישט דארטן וואס אריינצורעדען. אבער קיינער וועט זיך נישט דינגען, אז אלץ ווערט נשתלשל צו ביזנעס, און דאס גייט אויטאמאטיש, אז מענטשן זענען שטארק צוזאמען, מ'איז און איין קהילה וכו', אויטאמאטיש ברענגט עס ריזיגע ביזנעס, ס'איז דא טראסט פון איינעם צום צווייטן וכו'.

א גארטעל קאמפעני, א 'אימבראודי', טלית בייטלעך, תפילין בייטלעך, מ'קען עס אנקוקען אז אלעס איז איין שטיק גשמיות, איין שטיק פיצעריי. אבער אויב מ'וויל קען מען עס אנקוקן קדושה'דיג, אז אפילו די ביזנעס וועלט, דרייט זיך ארום קדושה.

און וואס איז א זילבער סטאר ביי יידן, אויב נישט קדושה, אלעס דרייט זיך דארטן ארום חפצי מצוה, א אתרוג פושקע, א שבת לייכטער, א מנורה, בעכערס. אלעס ארום קדושה.

### • שידוכים, מצה בעקעריי, ווייסע זאקען

א שדכן איז א ביזנעס, און מסתמא האבן גויים אויך א 'שדכנים', איך ווייס נישט פונקטליך ווי אזוי ס'ארבעט ביי זיי, אבער על כל פנים א יידישע שדכן, דאס איז דאך עפעס העכערקייט, א שדכן! די גרינד שטיין פון א יידישע שטוב! ס' שפירט זיך גוט די קדושה און חשיבות ארום דעם שדכן, אזא הייליגע זאך, עוסק צו זיין אין דעם אייבערשטענס ענינים זעלבסט כביכול.

א מצה בעקעריי, וואס צענדליגע יידן האבן דערפון פרנסה, וואס איז דאס אויב נישט קדושה. און וואס איז מיט די פרנסות פון יום טוב סוכות, די בחורים מאכן געלט פון מאכן די סוכות, און אנדערע פון פארקויפן ד' מינים. אלע ביזנעס ביי יידישע קינדער, דרייט זיך ארום קדושה.

א בעקעריי, קויפט מען דאך חלות און קעיק פאר שבת, א גראסערי, קויפט מען דאך איין לכבוד שבת, וואס איז דאס אלעס, אויב נישט קדושה, אמת' ס'איז אלעס געשמיות און ביזנעס, אבער אז מ'וויל קען מען זעהן אין אלעס די פינטל קדושה.

שטריימלעך איז טאקע א ריזיגע ביזנעס, ווייסע זאקען מיט פערטיל שיך, 'שטיוול' וכדומה, פאר די וואס זענען עוסק אין דעם, איז עס טאקע ריזיגע ביזנעס. אבער אז מ'וויל קען מען קוקן טיף און זאגען צו זיך, איך וויל נאר באמערקען די פינטל קדושה.

אנדערע וואלטן געשריגן פארקערט, די פינטל פון אלעס איז ביזנעס, מ'ניצט די קדושה פאר ביזנעס, און דאס איז אויך אמת, אבער ווער ס'וויל, קען זעהן בחוש, ווי די גאנצע יידישע לעבן דרייט זיך ריין ארום די נקודה פון קדושה.

און באמת וואויל איז אז מ'קען לעבן מיט די פינטל קדושה, ווי די חז"ל האבן שוין געזאגט אז תגרי תפילין און ציצית, זאלן נישט אינזינען האבן פאר ביזנעס, די עיקר כוונה זאל זיין צוזשטעלן פאר יידען תשמישי קדושה, און די חלק הביזנעס, די חלק הגעלט, דאס קומט שוין פון זיך אליינס (עי' אורח חיים סימן לח). איז מזמן לזמן געט זיך דער יוד אהייב אויף אביסל, ער דערהייבט זיך צו די רוחניות'דיגע וועלט, זיך פרייענדיג אז ער האט די זכיה צו זיין א חלק פון די יידישע ביזנעס, וואס די פינטל איז קדושה, און אגב נאך פארדינען עפעס דערביי.


**די חז"ל האבן שוין געזאגט אז תגרי תפילין און ציצית, זאלן נישט אינזינען האבן פאר ביזנעס, די עיקר כוונה זאל זיין צוזשטעלן פאר יידען תשמישי קדושה, און די חלק הביזנעס, די חלק הגעלט, דאס קומט שוין פון זיך אליינס**



## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+